- נערך באידיש -

בס"ד

# יקרא דמלכא

## שיחות התחזקות והתעלות

שנאמרו ע"י

**כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

## לבחורי חמד

## ווייס דיינע כוחות

יו"ל ע"י

**מכון שפה ברורה**

**שע"י חסידי קאסוב**

פרשת כי תשא שנת תשפ"ב לפ"ק

## כל הוצאת עריכת והו"ל של הגליון

ע"י ידידינו היקר מאד נעלה
העומד תמיד לימינינו במדה גדושה
האברך החשוב והמפואר מו"מ בתוי"ש
נועם המעלות ובעל מידות תרומיות

# הרוצה בעילום שמו

**לכבוד השמחה הגדולה בחצרות קדשינו**
שמחת אירוסי בנו של

# כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

הרב **אברהם יהושע העשיל** שליט"א

ויהי רצון מלפני אבינו שבשמים שזכות השמחה יעמוד לו להתברך בכל מילי דמיטב מתוך בריאות גופא ונהורא מעליא, ויזכה לרוות רב נחת דקדושה מכל יוצ"ח שיחי' מתוך שמחה שלות הנפש והרחבת הדעת, ושיזכה לראות ברכה בכל מעשי ידיו, ואך ברכה והצלחה יהיה מנת חלקו כל הימים

**כל הזכויות שמורות**

להערות והארות או לקבל הגליון מדי שבוע בשבוע ע"י e-mail
יש לפנות להמערכת
במס' 917-686-5892
או אל toraskosov@gmail.com

נערך ונסדר ע"י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

שיחת קודש

# לבחורי ישיבת יגדיל תורה

בהיכל בית מדרשינו

**ביום ג' טבת תשפ"ב לפ"ק**

# ווייס דיינע כוחות

היות והשיחה נאמרה יום אחר יו"ט חנוכה, חלק מהשיחה נסובים על עניני חנוכה
אבל היות והוא מלא וגדוש עם יסודות איתנים לעבודת האדם וגילוי כחותיו הגדולים
לא נמנעו מלערוך אותו ולהו"ל עכשיו היות והוא שיחה ששייך לכל עת וזמן

א גוט'ן טייערע לעכטיגע בחורים, ס'איז נישט אויסגעקומען צו רעדן אויף חנוכה אזויווי די פריעדיגע יארן אבער מיר האלטן דאך קוים אפאר שעה נאך וואס די יו"ט איז אדורך, און ווי מיר ווייסן דאך איז די עיקר עבודה מיטצונעמען מיט זיך די הארה פון די יו"ט אויף די ווייטערדיגע טעג, ממילא וועלן מיר אביסל ארומרעדן איבער די יו"ט ובעיקר וואס מיר קענען ארויסנעמען דערפון פאר אונזער עבודה אויף אגאנץ יאר.

## ניסים האבן אונז שטענדיג

אונז זאג מיר יעדן טאג ביי שמונה עשרה 'מודים אנחנו לך... על נסיך שבכל יום עמנו, ועל נפלאותיך... ערב ובוקר וצהרים', צו ווייסט אפשר איינער וועלכע נס איז געשעהן מיט איהם היינט? און וועלכע נסים געשעהן מיט אים יעדן טאג? מ'זאגט דאך 'על נסיך שבכל יום ועל טובותיך שבכל עת'.

נאר דער אמת איז אז אונז לעבן מיט נסים יעדן טאג און יעדע מינוט. ווען מ'זאל נאר אריינטראכטן וואס גייט פאר אין אונזער גוף יעדע רגע, וואלט מען ארויס פון התפעלות וויפיל נסים דער אייבערשטער טוהט מיט אונז שטענדיג. ווי למשל צו ווייסט איר דען ווי פיהל מאל די הארץ שפריצט ארויס די בלוט און צושפרייט עס אינעם גוף יעדע איינציגע מינוט כדי צו דערהאלטן אונזער לעבן יעדע רגע. און אזוי ווייטער קען מען אפיר נעמען יעדן אבר איינס נאכן אנדערן און מ'וועט נישט ענדיגן פון טראכטן און זיך מתבונן זיין אין די חסדים און נסים שבכל יום ערב ובוקר צהרים. נו, אז מ'פארשטייט דאס באמת און מ'טראכט אריין דערין וואלט מען געדארפט האלטן אין איין לויבן און דאנקען דעם אייבערשטען יעדע מינוט און יעדע רגע.

אבער באמת ליגט אין דעם נאך א טיפערע ענין ווי מיר וועלן מסביר זיין ווייטער בעז"ה.

## וואס איז די געוואלדיגע גרויסע נס פון די מלחמת חשמונאים מער ווי אנדערע נסים לאורך הדורות

יו"ט חנוכה טוען מיר דאנקן און לויבן דעם באשעפער אויף די גרויסע חסדים זיינע וואס ער האט ארויסגעראטעוועט די אידישע קינדער מידי היוונים הארורים און האט געמאכט א נס אז די בני חשמונאים מיט א קליין הייפעלע אידן האבן מנצח געווען אזא גרויסע אימפעריע ווי יון ווי מיר זאגן אין די על הנסים אז עס איז געווען 'גבורים ביד חלשים ורבים ביד מעטים' וכו'.

לכאו' געפינען מיר אסאך מאל וואס ס'איז געווען מלחמות און שוואכע האבן באזיגט שטארקע און ווייניג האבן באזיגט אסאך. אברהם אבינו גייט ארויס צו א מלחמה אקעגן פיהר שטארקע ממלכות, וויפיל מיליטער מענטשן נעמט ער מיט מיט זיך? ער נעמט מיט זיך אליעזר זיין קנעכט און נאך דריי הונדערט און אכצן מענטשן, פון מדרש ווערט צוגעברענגט אז ס'איז אפילו אזוי פיהל אויך נישט געווען, נאר ס'איז געווען אברהם און אליעזר אליין. וואס פאר א געוואר נעמט ער מיט

מיט זיך, אביסל זאמד.... און אזוי גייט ער פירן א מלחמה מיט פיהר מלכים וואס האבן טויזענטער מיליטער לייט און זענען באוואפנט מיט פיהל כלי זיין, שווערדן און פאלן בויגן וכו'.

ביי נחום איש גמזו קענען אלע די מעשה אז ער האט געברענגט א מתנה פאר די מלך, און אינמיטן וועג האט מען עס אוסגעטוישט אויף זאמד, און נישט וויסענדיג גייט ער און ברענגט פארן מלך א מתנה א הויפן זאמד. האט אבער דער אייבערשטער אזוי געפירט אז יארן לאנג האט דער מלך געפירט א מלחמה מיט אן אנדערע מלוכה און נישט געקענט בשום פנים ואופן מנצח זיין, קומט פלוצלינג אן א פושקעלע זאמד און מיט דעם האט ער מנצח געווען די מלחמה. טאקע דארטן איז נישט געווען רשעים ביד צדיקים און טמאים ביד טהורים, אבער ס'איז אויך געווען א נצחון ביי א מלחמה פון גיבורים ביד חלשים למעלה מדרך הטבע.

איז לכאו' דארף מען פארשטיין וואס עס ליגט אונטער די עסק וואס מיר מאכן די טעג פון די מלחמת בני חשמונאים אנטקעגן די יוונים.

**"לאמיר זיך נאך אמאל פרעגן, ס'קען טאקע נישט זיין אז איך זאל זיין א גדול בישראל? ס'איז טאקע אזוי אז איך קען נישט? גדולי ישראל זענען דען נישט געווען אמאל יונג? אלע גרויסע תלמידי חכמים האבן דען נישט אנגעפאנגען זייער ידיעת התורה מיט איין בלאט, מיטן ערשטן בלעטל וואס זיי האבן געלערנט פון אנפאנג?"**

## מיר דארן אנערקענען אין וויסן אז מיר האבן געוואלדיגע כוחות

ס'איז דא אסאך מענטשן אויף דער וועלט וואס האבן מורא'דיגע כשרונות, ס'איז דא אסאך מענטשן וואס האבן מורא'דיגע כוחות, זיי זענען מסוגל צו בויען געוואלדיגע זאכן, זיי זענען מסוגל צו ערפינדען גאר גרויסע המצאות וואס קען גאר אסאך צולייגן פאר די וועלט. ס'איז שוין געווען אויף דער וועלט אזאלעכע וואס האבן געשאפן דורך

זייערע ספעציעלע טאלאנטן גרויסע אויפטוה'אונגען, און געמאכט גרויסע שינויים לטובה, ווי למשל לעקטער, פלעסטיק, און נאך פארשידענע זאכן. אז מ'וועט נאך קוקען און בודק זיין צו ביי די אלע מענטשן האט מען געזעהן אויף זיי אינגערהייט א ספעציעלקייט מער ווי ביי זייערע אנדערע חברים בני גילם, וועט מען זעהן אז ביי רוב פון זיי איז קיין איינעם נישט איינגעפאלן אז דאס גייט זיין די עתיד פון די אלע מענטשן. נאר וואס דען, ס'איז זיי איינגעפאלן צו פראבירן. די אייבערשטער האט זיי חונן דעת געווען אז זיי זאלן טראכטן אז זיי האבן דעם כח צו דעם, און דאס נאכגיין.

## איך קען זיין א גדול בישראל

לאמיר זיך צווישן אונז פרעגן א שאלה, זאל עס יעדער פרעגן ביי זיך, קען איך זיין א גדול בישראל? גלייך וועט ער זאגן ניין, איך קען נישט, ס'איז נישט פאר מיר, נישט מיך מיינט מען, און אויב וועט אים איינער זאגן אז ער קען וואקסן צו זיין אן אמת'ע גדול און צדיק וועט ער אים זאגן אז דאס איז א שיינע חלום, אבער גארנישט מער ווי דעם. אבער לאמיר זיך נאך אמאל פרעגן, ס'קען טאקע נישט זיין אז איך זאל זיין א גדול בישראל? ס'איז טאקע אזוי אז איך קען נישט? גדולי ישראל זענען דען נישט געווען אמאל יונג? אלע גרויסע תלמידי חכמים האבן דען נישט אנגעפאנגען זייער ידיעת התורה מיט איין בלאט, מיטן ערשטן בלעטל וואס זיי האבן געלערנט פון אנפאנג? איך קען דען נישט לערנען אזוי ווי דער "אמרי אמת" וואס האט געלערנט יומם ולילה אפילו ער האט געהאט צענדליגע טויזענטער חסידים. צו דען האב איך נישט דער כח, אודאי האבן אונז יא דער כח, ס'דארף נאר איינפאלן פארן מענטש אז ער האט טאקע דער כח באמת. און מ'דארף נישט צו דעם האבן צו א גרויסע נס, ס'דארף נאר איינפאלן פאר'ן מענטש און קלאר ווערן ביי אים אז דאס איז די מציאות.

## יעדער מענטש האט א נשמה וואס איז בלי גבול און יעדער מענטש האט כשרונות בלי גבול

סיי די וואס האבן א הויכע נשמה און סיי די וואס האבן -ווי מ'רופט עס- א שוואכערע נשמה, יעדע נשמה איז בלי גבול און יעדער איד האט כוחות אן א שיעור. אפשר קען נישט ממש יעדער זיין א 'גדול בישראל' אבער א 'ישראל בגדול' קען זיכער יעדער זיין, יעדער איינער קען זיין א גרויסע תלמיד חכם און יעדער איינער קען זיין א גרויסע ירא שמים. מ'דארף נאר האבן דער קליינע נס אז ס'זאל איהם איינפאלן אז ער האט דעם כח, און אז די אלע זאכן וואס מ'קען אויפטוהן מיינט טאקע מיר, דער כח איז שוין דא, ער דארף נאר האבן ביי זיך די ידיעה מיט א קלארקייט.

""אפשר קען נישט ממש יעדער זיין א 'גדול בישראל' אבער א 'ישראל בגדול' קען זיכער יעדער זיין, יעדער איינער קען זיין א גרויסע תלמיד חכם און יעדער איינער  קען זיין א גרויסע ירא שמים"

## לייג אוועק אלע תירוצים - דו קענסט יא!

נאר וואס איז די סיבה פאר וואס מען טוט נישט גענוג אנערקענען אין די כח וואס אונז האבן. ס'איז דא פיהל מיט חשבנות אין דעם אבער דער צד השווה שבהן איז, אז די היינטיגע וועלט הערט נישט אויף פארשטיין צו געבן פארן מענטש אז ער האט נישט דער כח און האט נישט די מעגליכקייט, און ער קען נישט אנקומען ווי ער וויל נאר.

היינט איז א וועלט וואס מ'האלט אין איין 'דיאגנוזן' פראבלעמען, אויף יעדן פראבלעם פראבירט מען אפיר צו זיכן די סיבה פונעם פראבלעם און עס געבן איינע פון די שמות נרדפים.... און דערנאך איז מען מסביר פאר'ן מענטש אלע תוצאות וואס ער קען ערווארטן און אויף וואס ער איז יא מסוגל און אויף וואס נישט – נאך וואס מ'האט אים ג'סטעמפעלט מיט די נאמען אדער יענע נאמען....

און ממילא היינט ווען א מענטש מוטשעט זיך מיט אן ענין ווי התמדה, ריכוז, אויפשטיין אין צייט וכדו' איז אנשטאט ארבעטן מיט'ן מענטש און אים העלפן ארויסברענגן זיינע באהאלטענע כוחות מן ההעלם אל הגילוי, איז מען מסביר פאר'ן מענטש אז היות דאס איז צו שווער פאר דיר און עס קומט דיך נישט אן לייכט מיינט דאס אז דער ענין איז נישט פאר דיר און די האסט נישט די כוחות פאר דעם, און יעצט איז ער דאך שוין פטור, מען האט אים דאך בפירוש געזאגט אז ער האט נישט די מעגליכקייט פאר דעם.

**"אויב מ'געזעגנט זיך פון די אלע תירוצים און מ'שיידט זיך אפ פון די אלע נארישע שטותים, און מ'טוט אנערקענען אין דעם אז א איד האט א כח למעלה מדרך הטבע, נישט ווייל מ'דארף דא אנקומען צו א נס למעלה מדרך הטבע, נאר ווייל א איד איז באמת למעלה מדרך הטבע, אלעס וואס דער רבש"ע האט געהייסן, פאדערט ער פון א יעדן איד, און אז ער פאדערט עס פון א יעדן איד, האט ער אויך געגעבן דעם כח פאר א יעדן איד אז ער זאל דאס קענען אויספירן"**

[איך רעד נישט דא פון איינער וואס האט אן אמת'ע פראבלעם אין א געוויסע נושא וואס ער דארף אויף דעם הילף פון מומחים אין די ענינים און מ'טאר אין דעם נישט מזלזל זיין, אבער אפילו ביי די ענינים איז קודם כל דארף מען וויסן אז עס זענען דא עצות אויף דעם און אז מ'טוט וואס מ'דארף געהאלפן צו ווערן קען מען ווידער אנקומען צו אלעס, אויך דארף מען וויסן אז אפילו אויב מען האט א פראבלעם אין איין ענין מיינט דאס נישט אז יעצט קען ער שוין נישט ארויסברעגען אומגלויבליכע כוחות אין אנדערע ענינים.

וואס מיר רעדן יא, איז דאס וואס עס האט זיך היינט אריינגעכאפט אזא רוח אז מען דארף יעדן איינעם פארשטיין, און געבן פאר יעדע שוועריקייט א 'נאמען' און געבן די מענטש גערעכטיקייט אז היות דאס קומט אים אן צו שווער מיינט דאס אז ס'איז נישט געמאכט פאר אים וכו' וכו'. ודי למבין].

און אזוי איז דא פיהל מיט מהלכים צו פארשטיין פאר וואס דער מענטש קען נישט טוהן דאס אדער יענץ, ס'איז דא א געוואלד מיט היתרים און תירוצים פאר וואס מ'קען אלץ נישט. ווי למשל 'היינט בין איך אויפגעשטאנען אויף די לינקע זייט', 'נעכטן האט מיך עמיצער אויפגערעגט', וכדומה וכדומה, און מ'גיט פאר דעם אלעם גערעכטיקייט, און אזוי באשטעטיגט מען פראבלעמען, און אזוי ווערט די מענטש משוכנע אין דעם פאלטשקייט אז ס'קען אפשר זיין אז חלילה פאר איהם האט דער רבש"ע נישט געגעבן דעם כח, אדער חלילה נישט איהם מיינט מען מיט די אלע זאכן וואס א איד איז מחוייב אין דעם. אבער אויב מ'געזעגנט זיך פון די אלע תירוצים און מ'שיידט זיך אפ פון די אלע נארישע שטותים, און מ'טוט אנערקענען אין דעם אז א איד האט א כח למעלה מדרך הטבע, נישט ווייל מ'דארף דא אנקומען צו א נס למעלה מדרך הטבע, נאר ווייל א איד איז באמת למעלה מדרך הטבע, און אז אלעס וואס דער רבש"ע האט געהייסן, פאדערט ער פון א יעדן איד, און אז ער פאדערט עס פון א יעדן איד, האט ער אויך געגעבן דעם כח פאר א יעדן איד אז ער זאל דאס קענען אויספירן.

## די נס ביי די מלחמת חשמונאים, איז געווען דער עצם זאך אז ס'איז זיי בכלל איינגעפאלן צו גיין מלחמה האלטן

גייען ארויס פינף מענטשן אנטקעגן א גאנצע אימפעריע ווי יון. געווענטליך ווען מ'זעהט אזא זאך זאגט מען אז די מענטשן זענען געפאלן פונעם דעת, ווי נעמען זיי בכלל דעם געדאנק פון ארויסגיין אויף א מלחמה מיט אזא ריזיגע ארמיי. דער עצם זאך אז זיי האבן געהאט דעם געדאנק פון מלחמה האלטן, אז זיי האבן מכיר געווען אין דעם אז די כח פון אידן איז למעלה מדרך הטבע, דאס איז די הויפט נס, דאס איז די אמת'ע און ריכטיגע הכרה וואס ס'האט אויסגפעלט צו קענען ארויסגיין צו די מלחמה, און דאס איז די עיקר סיבה פארוואס מיר מאכן אזא עסק פון די מלחמה.

"דער רבש"ע געבט פאר יעדן מענטש אלע כוחות וואס דער מענטש דארף האבן צו טוהן זיין תפקיד אויף דער וועלט, ס'איז שוין אלעס דאביים מענטש אנגעגרייט, די געוואלדיגע כח וואס איז דא ביי א יעדן איד, א איד איז ארומגענומען פון אלע זייטען מיט כוחות העליונות, מיט כוחות שלמעלה מדרך הטבע"

ס'איז באקאנט אז איינמאל האבן די פרייע געמאכט א שפיל אויף די פרשה פון עורכי המלחמה, פארצושטעלן ווי אזוי די אידן פלעגן זיך צוגרייטן צו א מלחמה. און איינער האט אויסגערופען 'מי האיש הירא והרך הלבב ישוב לביתו', ווער ס'האט מורא פון עפעס א עבירה זאל צוריק אהיים גיין, אלע אידן וואס זענען דארטן געווען זענען אוועק געגאנגען פון די מלחמה, און ווער איז געבליבן, נאר די חפץ חיים, רבי חיים בריסקער און רבי חיים עוזר..... און אזוי האבן זיי אפגעלאכט פון די פרומע אידן. ווען די שפיל איז אנגעקומען צו די אויערן פון די הייליגע חפץ חיים זי"ע האט ער זיך אנגערופען אויף דעם, " ס'איז אמת אז אזוי האט עס טאקע אויסגעזעהן, אבער איין זאך האבן זיי נישט צוגעענדיגט ביי דעם שפיל, ווער עס האט לבסוף מנצח געווען", אז די אידן זענען די וואס האבן למעשה אזוי מנצח געווען שלא כדרך הטבע.

## על נסיך שבכל יום עמנו, ס'איז דא ניסים יעדן טאג, אבער אין בעל הנס מכיר בניסו

די אייבערשטער געבט יעדן טאג, יעדע מינוט און יעדע רגע פאר'ן מענטש אלעס וואס ער דארף, דער רבש"ע געבט פאר יעדן מענטש אלע כוחות וואס דער מענטש דארף האבן צו טוהן זיין תפקיד אויף דער וועלט, ס'איז שוין אלעס דא ביים מענטש אנגעגרייט, די געוואלדיגע כח וואס איז דא ביי א יעדן איד, א איד איז ארומגענומען פון אלע זייטען מיט כוחות העליונות, מיט כוחות שלמעלה מדרך הטבע, דאס אלץ איז שוין דא. יעצט דארפן אונז די בעלי ניסים מכיר זיין אין די ניסים, שבכל עת ערב ובוקר וצהרים.

## די שטענדיגע חסדים וואס דער רבש"ע טוט יעדן רגע, איז צו שאפן א נאנטקייט צווישן אונז מיטן אייבערשטען

דער אייבערשטער וואלט געקענט אנשטעלן אז א מענטש זאל זיך פירן 'אוטומאטיש', אזוי ווי מ'ציהט אן א זייגער, אדער אנשטעלן א מענטש אזוי ווי מ'שטעלט אן א 'ראבאט'. דער אייבערשטער האט בכוונה אויסגעשטעלט די מציאות אז ער איז מחיה דעם מענטש יעדן רגע, אז ער גיבט פאר די הארץ דעם כח אכצען מאל יעדן מינוט צו צושפרייטן די בלוט אינעם גוף פונעם מענטש, און ער געבט יעדן רגע פאר'ן מענטש די כח צו אטעמען, כדי דער מענטש זאל וויסן אז דער רבש"ע איז מיט איהם יעדן רגע, אז ער האט א קשר מיטן אייבערשטן יעדן רגע. פאר'ן גוי טוט אויך דער רבש"ע די אלע זאכן יעדע מינוט, אבער ער האט גארנישט פון דעם. דער איד האט יא פון דעם, א איד איז זיך מתבונן אין דעם און דאס שאפטביים איד דאס וויסנשאפט אז דער רבש"ע איז בקשר מיט איהם יעדן רגע, יעדע אטעם באקומט ער יעצט פריש פונעם רבש"ע, ווי חז"ל זאגן 'על כל נשימה ונשימה תהלל יה'. און די כוונה אין דעם איז נישט אז א מענטש זאל נאך יעדן אטעם ארויסנעמען א תהילים און דאנקען דעם אייבערשטען -אודאי דארף מען דאנקען דעם אייבערשטען ביי יעדן געלעגנהייט- נאר דער ענין דא איז, אז דער מענטש זאל לעבן מיט די מחשבה אז דער רבש"ע געבט איהם דאס חיות יעדע רגע, און אז ער איז יעדע רגע ארומגענומען מיט א הימלישן כח, א כח עליון. און אז מ'גלייבט אין דעם און מ'ווייסט דאס, לעבט מען אויף אסאך א העכערע דרגא.

## די מצות זענען אויך אזוי אויסגעשטעלט אז מ'זאל האבן א שטענדיגע קשר מיטן רבש"ע

אונז לייגן תפילין יעדן טאג, וואס איז די טייטש פון תפילין, רש"י זאגט אין פרשת ויצא אויף 'נפתולי אלקים נפתלתי' אז ס'איז א לשון פון באהעפטן, מ'בונד זיך צו צום אייבערשטען מיט א קשר און מיט

**"דער ענין דא איז, אז דער מענטש זאל לעבן מיט די מחשבה אז דער רבש"ע געבט איהם דאס חיות יעדע רגע, און אז ער איז יעדע רגע ארומגענומען מיט א הימלישן כח, א כח עליון. און אז מ'גלייבט און דעם און מ'ווייסט דאס, לעבט מען אויף אסאך א העכערע דרגא"**

א שטארקע חותם. אין די פרשה פון ציצית -וואס דאס איז די הייליגסטע בגד כמבואר באריז"ל- ווערט דערמאנט דעם אייבערשטנ'ס נאמען נאר איין מאל, ביי די פרשיות פון תפילין ווערט דערמאנט דעם אייבערשטנ'ס נאמען צוויי אין פערציג מאל!! די צוויי אין פערציג מאל ווייזט אויף די געוואלדיגער קשר צווישן די אידן מיט'ן רבש"ע, ווען דער רבש"ע האט זיך באוויזן פאר משה רבינו די ערשטע מאל ביים סנה, האט איהם דער רבש"ע געזאגט 'אהיה אשר אהיה' 'אהיה' איז בגימ' איין אין צוואנציג, און צוויי מאל 'אהיה' איז צוויי אין פערציג. 'אהיה אשר אהיה' ווייזט אויף די קשר וואס דער רבש"ע האט מיט יעדער איד יעדע רגע און אז ער געפינט זיך מיט יעדע אידיש קינד אין יעדע מצב דורכאויס אלע גלות'ן, און האלט מיט און שפירט מיט מיט א יעדן איד ביי יעדער מצב און יעדער שוועריקייט וואס ער גייט דורך.

## דורך גשמיות ווערט א מענטש נענטער צום אייבערשטען

איינס פון די שאלות, וואס די יוונים האבן גע'טענה'ט פאר די אידן איז געווען, אז ווי אזוי איז שייך אז א מענטש א בשר ודם זאל האבן א קשר מיטן רבש"ע, דער מענטש עסט און שלאפט און איז עוסק אין נאך פארשידענע מענטשליכע באדערפענישן, משא"כ דער רבש"ע האט נישט קיין שום שייכות צו די אלע זאכן. אבער דער אמת איז אז דאס איז טאקע די רצון פונעם אייבערשטען, דאס איז די חכמה דא, צו זיין מקושר צום אייבערשטען און פון די אנדערע זייט בלייבן א מענטש. איינס איז נישט סותר דעם צווייטען.

די אייבערשטער האט געגעבן תורה מיט מצות וואס מ'קען עס מקיים זיין נאר מיט א גשמיות'דיגע גוף. נאך מער דוקא דורך די גשמיות'דיגע באדערפענישן קען מען אנקומען נענטער צום אייבערשטען, און דאס קומט דורך זיך אויפפירן מיט זיי ווי איד פירט זיך אויף, אז זיי זאלן זיין משעבוד צום מענטש און נישט די מענטש צו זיי.

לאמיר אפיר נעמען ווי אזוי א גוי שטייט אויף אינדערפרי, גלייך פון בעט ארויס אן קיין מודה אני און אן א ברכה, נאך מיט די 'פידזשאמעס' לויפט ער צו צום טיש פרעסן, און ער פאלט איבער דעם פרידז'ידער ווי א פערד פון שטאל ארויס, מיטן טענה אז ער דארף עסן פרישטאג. דא אין אמעריקא רופט מען אן פרישטאג 'ברעקפעס"ט', וואס דאס טייטש 'ברעכן דעם פאסט', דאס הייסט אז היות ער האט נעבעך געפאסט א גאנצע נאכט, מוז ער יעצט שוין אויספאסטן און עסן.

א איד שטייט אויף מיט א גאנצע סדר פון עבודת השם, קודם איז ער זיך מתגבר אויפן גשמיות'דיגן שלאף, און ער איז זיך מתגבר כארי זיך ארויסצוריקען פונעם ווארימען דאכענע גענוג פרי צו קענען טוהן אלעס וואס מ'דארף אין צייט. נאך דעם איז ער זיך ווייטער מתגבר אויף די גשמיות'דיגע תאווה צו עסן, ווייל ער טאר דאך נישט עסן פארן דאווענען, און אז ער וויל שוין טרינקען איז אויך נאר א קאווע, אפילו אויף צוקער צו מ'מעג צולייגן איז א שאלה אין די פוסקים, נעמט ער זיך דארט עפעס א 'קאצקא צוקער'. נאך דעם גייט ער אין מקוה, לערנט און שטעלט זיך דאווענען, מ'קען גאר אסאך מאריך זיין ווי פיהל דער איד איז זיך מתגבר דורכ'ן טאג אויפ'ן טבע און דינט דעם אייבערשטען למעלה מדרך הטבע.

**"אז א איד ברעכט זיך פארן אייבערשטער, ברעכט זיך די אייבערשטער פאר איהם, ער זאל קענען פארשטיין לערנען און קענען שטייגן אין עבודת ה' און אנקומען מיטן אייבערשטנ'ס הילף"**

## הבא לטהר מסייעין

די לימוד פון נס חנוכה דארפן מען מיט נעמען ווייטער אויף א גאנצע יאר, אז

מ'זאל אנערקענען אין דעם אז מ'האט דעם כח און גלייבן אין אונזערע אייגענע כוחות, מ'איז ממשיך מיט'ן נס חנוכה ווייטער אויף א גאנץ יאר, גלייבן אין דעם אז אונז האבן הויכע נשמות אין זיך, וואס זוכט תורה וואס זוכט עבודה וואס זוכט צו זיין נאנט מיטן אייבערשטען. און אז א איד ברעכט זיך פארן אייבערשטער, ברעכט זיך די אייבערשטער פאר איהם, ער זאל קענען פארשטיין לערנען און קענען שטייגן אין עבודת ה' און אנקומען מיטן אייבערשטנ'ס הילף. אויף 'אהיה אשר אהיה' איז דא די באקאנטע טייטש פון די ספרים הקדושים, 'אהיה' אז איד זאגט איך וויל זיין נאנט מיטן אייבערשטען, זאגט דער אייבערשטער 'אשר אהיה' איך וויל אויך זיין נאנט מיט דיר.

## די כח פון א איד איז נישט נאר פאר זיך נאר אויך פאר גאנץ כלל ישראל

בדרך אגב וויל איך נאר צולייגן, מ'זיצט דא צוזאמען א ישיבה פון בחורים און חברים צוזאמען, דארף מען וויסן די גרויסע כח וואס יעדער האט מתפלל צו זיין און פועלן נישט נאר פאר זיך נאר אויך פאר זיין חבר. נעמט נאר א דוגמא וואס אונז זאגן יעדן טאג ביי ברכת התורה 'ונהיה אנחנו וצאצאינו... וצאצאי עמך בית ישראל'. אז מ'וועט צוקומען צו איינער פון אייך דא און מ'וועט איהם בעטן א ברכה, בענטש מיר אז איך זאל זוכה זיין צו תורה, צו זיין א 'יודע השם', וועט ער איהם אנקוקען ווי פון די לבנה געפאלן, וואס קומסטו עפעס צו מיר, וואס האט עס מיט מיר, איך קען דען ווינטשען, איך קען דען מתפלל זיין פאר אידן, אבער מ'דארף נאר איין מינוט משים לב זיין אז דאס טוען מיר דאך א יעדן טאג, מ'דאווענט 'ונהיה אנחנו וצאצאינו וצאצאי צאצאינו', נו מילא אויף קינדער און אייניקלעך מעג מען שטענדיג דאווענען אפילו ווען מ'האט נאך נישט קיין קינדער און אייניקלעך, קיין איין תפלה איז נישט איבריג. אבער וואס איז דאס אז א יעדער פון אייך דאווענט

**"'אהיה' אז איד זאגט איך וויל זיין נאנט מיטן אייבערשטען, זאגט דער אייבערשטער 'אשר אהיה' איך וויל אויך זיין נאנט מיט דיר"**

אויך אויף 'וצאצאי עמך בית ישראל כלנו יודעי שמך ולומדי תורתיך לשמה' דאס מיינט פשוט, מ'זעהט מיט דעם קלאר די כח וואס יעדע איד האט אז ער זאל קענען מתפלל זיין פאר גאנץ כלל ישראל בכלל, און פאר נאנטע און חברים בפרט.

## אלץ איז תלוי ווי אזוי מען קוקט זיך אליין אן

לסיום הדברים, דארף מען געדענקן אז מ'דארף פשוט ניצן אביסל שכל און זיך נישט לאזן פארנארן. גלייבן און וויסן און שפירן דעם קשר וואס איז דא תמידין כסדרן צווישן דעם איד מיט'ן רבש"ע. און וויסן אז די כח אלקי מיט וואס ער איז ארום גענומען יעדע רגע איז פועל אין איהם א גאנצע צייט ערב ובוקר וצהרים בכל עת, און מיט די כח קען ער אנקומען למעלה פון וואס עס דאכט זיך אים, די כח פונעם אייבערשטען וואס איז מחיה די מענטש יעדן רגע, דאס איז א כח מעל הטבע, און די כח האבן אונז אויף אויפצוטוהן אונזער תפקיד.

דער אייבערשטער זאל אונז טאקע העלפן אונז זאלן אלע זוכה זיין מכיר צו זיין אין דער מציאות אז ס'איז דא ביי אונז דער גרויסן כח, שימו לב אל הנשמה, און וואקסן בתורה ויראת שמים, שפירן דעם קרבת אלקים, און מ'זאל זוכה זיין צום גואל צדק במהרה בימינו אמן.